Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ofgang afn Dnyeper

Markiš, Perec D.
מארקיש, פּערעץ

Mosḳṿe, 1937

28

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8240

Visual Library

# 28

די נאכט איז דורכגעגאנ אינ פיבער,
די נאכט אינ אומרו איז פארבײַ —
מ'האָט זיכ גערייט אונ מ'האָט געטריבנ
דאָס וואסער האסטיק אונ געטרײַ.
נאָר ס'האָט דאָס וואסער זיכ געזאמלט,
געשפארט ס'האָט גרויזאמ פונ דער טיפ, —
די בויונג אויסגעזענ האָט דאמאָלט,
ווי א צונו־פגעקלעמטע שיפ
צווישנ פעלדז־שטייניקע ברעגנ,
צווישנ קריִעדיקנ אײַז.
אונ מענגעס ראשיק זיכ באוועגנ,
אונ פונ דער טיפ — א הילכ זיכ רײַסט...
ס'האָט צו די שטיגנ אונ צו לייטערס
א וועג דאָס וואסער זיכ געמאכט,
באגעגענע האָט מענ גערייט זיכ,
אונ גרייט געוועזנ ווי צו א שלאכט.

אָט איז דער וועג. ער איז שוין אָפּן.
דער וועג איז גראָד — דורך טרעפּ אַרופֿ,
עס האָט דער דניעפּער זיך באַוואָפּנט
און אַלע ווײַלע זיך געפּרוּווט.
ס'האָט זיך געוויגט דער קאָטלאָוואַן,
דער וואַלד־געשטעל האָט זיך געפּאָכעט,
און אַלעמאָל אַ ווילדער וואַל
דערלאַנגט אַ דונער און אַ בראָך האָט...
ס'האָט פֿון דער נאַכט געשפּאַרט דאָס אײַז,
ס'האָט פֿון דער נאַכט די טיף געשפּאַרט זיך,
און ס'איז דער דניעפּער מער נאָך גרײַז,
און ס'איז די שוואַרצע נאַכט נאָך שוואַרצער.
און מענטשן לויפֿן אום פּאַרפּאַליעט,
און אַלעמאָל אַ טויבער פּראַל,
נאָר אַף דער הייך, ווי אַף אַ פּאַלוב,
ז'געווען געמאָלדן אַן אַוראַל:
די אַרבעטער — בריגאַדעס בעסטע
אַריבערוואַרפֿן פֿון קאַריער.
און ס'לויפֿט אַן אופֿגעוויגטער פֿעסט דאָרט
שוין צווישן אַלע אַוואַם־הערש.
עס סטײַעט אים קיין צײַט אַ טראַכט טאָן
אין דעם געלאָף, אין דעם געפּליס,
נאָר אַלע ווײַלע גרייט און פֿאַרטיק
ער לאָדט די הענט און טרײַבט די פֿיס.
און נעמען אַלץ ז'ער גרייט אַף זיך,
נאָר ס'קלאַפּט דאָס האַרץ און ס'רײַסט די שלייפֿן, —
עס שווינדלען מענטשן ראַשיק־גיך,
ווי אַף אַ וווּנדערלעכער סרייפֿע...

אָט איז ער ווײַט און נאָנט און נענטער,
ס'איז אים אצינדער גאָרנישט שווער;
אונ א מאָטאָר הייבט מיט די הענט ער,
גלײַכ ווי אנ אומגעפאלנ פערד.
אונ שטויסט זיכ אינ א צווייטנ אָנ דאָרט,
אונ זידלט אומרויִק זיכ אויס, —
אים דאכט זיכ, אז ער איז פארפלאָנטערט,
אונ עפעס מוז ער דאָ ארויס...
אונ ס'קוקט אים עפעס אויס די זאכ,
פונקט ווי א שטאָט וואָלט דאָ פאריונעט,
אונ לייגנ דאָ דעמ קאָפ מע דארפ,
אונ ראטעווענ פאר וויפל ס'איז ניט...
איצט יעדנ איינעמ ער דערמאָנט,
ס'ווערט יעדע קלייניקײַט איצט טײַער:
אונ יעדער איינער — ווערט אים נאָנט,
אונ יעדער איינער איז צושטײַער...
אז אויב מע טרײַבט דאָס וואסער אָפ,
אז אויב מע לאָזט עס ניט ארײַנ דאָ, —
איז פונקט אזוי ווי פונ דער שטאָט
ער אָפגעטריבנ וואָלט א באנדע...
ער לויפט, אונ יאָגט זיכ, אונ ער שטופט,
אונ מעסט דאָס וואסער אפנ אויג, —
ווי ס'וואָלט דאָ אונטערגאנ זײַנ שטוב,
וואָס ער האָט זיכ אליינ געבויט, —
אונ ס'האָט דאָרטנ צומ ערשטנ מאָל
א זעצ געטאָנ פארשעמט פונ מויל אים:
— מיט אונדזער ארבעט האלט עס שמאָל...
דאָס וואסער קאָנ אונדז איצטער קוילענ! —

ער האָט דערפילט, אז דאָס איז זײַנס,
אז צוגעבונדן ער צו דעם איז —
ער ווייסט אליינ ניט — ווי פארטײַענ עס,
ער ווייסט אליינ ניט — נאָר ס'איז עמעס...
אונ ס'דאכט זיכ אויס אימ, אז אָט ערשט,
אז אויב ארויס ט'ער פונ דעם ברענענ, —
איז ער א נײַער אווראָמ־הערש,
אזא ווי קיינמאָל ז'ניט געווענ ער...
איז טרײַבט זײַנ כעוורע אווראָמ־הערש דאָרט,
אליינ דער ערשטער אומעטום,
ער קוקט אפ יעדערנ זיכ אומ
אונטער געלאָד אונטער דעם שווערסטנ.
— פארגעסט ניט — גיט ער זיכ א דריי, —
אז אפ די וואסערנ דאָ איז מענ,
באלעגאָלעס, ווי אינ דר'היימ!
באלעגאָלעס, ווי א מיזמער! —
אונ מיט געלאָד — אפ הינ אונ הערצו,
די באָרד ווי שוימ זיכ שטופט לוקא;
געוואָלט א ציילעמ טאָנ האָט ער זיכ,
נאָר אײַנגעקלאמערט ז'יעדער האנט.
אפ איינ אנ אויגנבליק א קורצנ,
אפ קלענסטנ פינטל מיטנ אויג —
אימ אינ דער טיפ אינ הארצנ דוכט זיכ,
אז... עפשער... טאָר מענ ניט אזוי...
אז עפשער איז דאָס קעגנ... וועמענ...
ער ווייסט ניט... עפשער קעגנ... גאָט...
דערפאר איז עפשער... שווער זײַנ טראָט,
נאָר זאָגנ דאָס איז ניט באקוועמ אימ...

עס פאָכענ פראגעס זיכ, ווי בלאָזזעק,
אונ ענטפערס — פײַערדיקע קלאָר,
אונ אָנגעזאָטלט שרײַט דאָרט זאָל:
— עלקאָנע, זאָג, וואָס קומט דאָ פאָר? —
עלקאָנע לאָזט זיכ אלע ווײַלע
מיט זײַנ בריגאדע — אופ אונ אָפ —
ער מעסט דאָרט פליִענדיק די מײַלנ:
א וויכער אופ אונ — א פארגראָב!
ער מאכט פונ דר'הייכ דאָרט מיט דער הוט אימ,
אינ פלי ער פאָכעט מיט דער האנט,
פונ הייבערס ווי מיט פאראשוטנ
מע זינקט צומ דנאָ פונ קאָטלאָוואנ,
מע ברענגט פונ דאָרט די לעצטע טײלנ,
מע לאָדט זײ אויסעט אפנ ברעג.
אונ ס'ווענדט זיכ אווראָמ-הערש: — נעוויילע!
דו קאָנסט בא מיר ניט טאָנ קיינ פרעג? —
אונ בייז אונ זאכלעכ איצט זײַנ קאָל איז,
אונ מיטנ ענטפער — ניט געוואכט:
— נעוויילע! פרעג ניט! באלעגאָלעס
צעשפאלטנ ס'ערשטע מאָל דעמ יאמ! —
נ'טרובא לויפט אומ פונ אָרט צו אָרט דאָרט.
— צי עפעס פאלט? צי עפעס פעלט? —
אונ דאָ דערלאנגט ער א פאראָרדנונג,
אונ דאָרט דערלאנגט ער א באפעל.
ער איז שוינ הייזעריק אונ — שרײַט,
די מינדסטע זאכ זאָל ניט ארונטער,
ער לויפט אונ קוקט די גאנצע צײַט,
אז דאָס פארהיטס זאָל ניט צו גרונט גיינ,

און דאכט זיך: טאָן נאָך עפּעס דארף ער,
ער דארף נאָך אײַנצוימען דעם ראש...
נאָר כוואַליעס קײַקלען זיך און ווארפן,
דער ווינט מיט זאמד אין פּאָנעם פּאטשט,
ג'א זעץ אין קאָפּ פון באראבאנען,
א פונק, א פאַל, ארופּ, אראָפּ.
און ס'פּילט אן אויגנבליק טרובא ניט,
ווי ערגעץ טראָגט מען אים דאָרט אָפּ...